ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת בחקותי

אידיש

**533**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שלשה ושלשים

**בחקותי**

אין דעם פרק ווערט ערקלערט, דער פגם וואָס דער מענטש איז גורם אין די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן אויב ער זינדיגט ח״ו, און וויפיל פרייד עס דערגרייכט צו זיי אויב ער איז מקיים די מצוות פון דעם אויבערשטן.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

# אינהאַלט

## פון דריי און דרייסיגסטער פרק

**א.** דער מענטש זאָל טראַכטן וועגן דעם פגם אין די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן, וואָס ער איז גורם מיט זיין זינד, און אַז דורך דעם ווערט בטל די עבודה פון קדושי עליון און שרפי מעלה, און אויך טוט ער פאַרמיידן אַלעס גוטס פון די גאַנצע בריאה............ ג

**ב.** שטעל פאַר דיינע אויגן די ליבשאַפט פון דעם אויבערשטן צו די אידן, און דעם ענין פון די דגלים וואָס די שבטים האָבן געהאַט אין מדבר.............. ו

# פרק שלשה ושלשים

**דער מענטש זאָל טראַכטן וועגן דעם פגם אין די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן, וואָס ער איז גורם מיט זיין זינד, און אַז דורך דעם ווערט בטל די עבודה פון קדושי עליון און שרפי מעלה, און אויך טוט ער פאַרמיידן אַלעס גוטס פון די גאַנצע בריאה.**

**א. יתחרד השומע,** עס זאָל דערציטערט ווערן דער וואָס הערט און ווייסט דעם פגם וואָס דער זינדיגער מאַכט אין די אויבערשטע און אין די אונטערשטע באַשעפענישן, און די טובות וואָס ווערן פאַרמיטן פון אַלע באַשעפענישן דורך זיין זינד. ווי איז צו דעם ילוד אשה וואָס איז אַזוי גורם, און ווי איז צו דעם מענטש וואָס טוט עס.

**ב. הבט,** זע וואָס דער ספר "**קול נגידים**", פון הרב ר' אברהם גאַלאַנטי שרייבט, אויף דעם פסוק "**נחפשה דרכינו ונחקורה**". ער שרייבט, איך בין געקומען דיך צו דערוועקן אין פיל זאַכן וואָס דער מענטש איז פוגם מיט זיינע זינד. ווייס אַז די חרפה, די שאַנד וואָס ווערט פון די זינד פון מענטשן, קומט דערפון צו זיי א גרויסע שלעכטס ח"ו, ווייל זיי האבן יסורים און זייערע קליינע קינדער שטארבן ח"ו, ווי עס שטייט אין פסוק "**וחוטא אחד יאבד טובה הרבה**", און איין זינדיגער מאכט פארלירן פיל גוטס, דהיינו, ווען די וועלט איז געווען האַלב עבירות און האַלב זכיות, נו, אַז איינער זינדיגט, מאַכט ער איבערוועגן די שאָל פון די עבירות. ווי איז צו אים וואָס ער האָט מכריע געווען זיך און אַנדערע צו שלעכטס. אויך איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש און זיין מזבח איז צעשטערט געוואָרן, און די כלי הקודש, די כרובים און דער ארון פון דעם אויבערשטן ברוך הוא זענען געוואָרן אַוועקגענומען, און עס איז פאַרגאָסן געוואָרן דאָס

בלוט פון די חסידים, און אַ סאַך גזירות זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן, און די צדיקים זענען געכאַפּט געוואָרן צוליב די זינד פון דעם דור. דאָס אַלץ איז גורם דער מענטש וואָס זינדיגט.

**ג. הלא,** צו דען נישט, די אַלע שרייען דאָך אויף אים, צוליב דעם וואָס ער האָט געבראַכט אויף זיך דאָס בייזע און די גרויסע חרפּה. אויך צו די לעבעדיגע באַשעפענישן איז ער גורם צער, ווייל דורך דער זינד ווערט אויפגעהאַלטן דער רעגן, און אויך צו די טייכן און קוואַלן, און צו די גראָזן און שפּראָצונגען דערגרייכט די שאַנד פון דעם זינדיגן, ווייל דורך די זינד ווערן אַלע טייכן אויסגעטריקנט און די קוואַלן ווערן פאַרדאָרבן, און דעריבער איז נישטאָ קיין גראָז און קיין שפּראָצונג.

**ד. גם,** אויך צו די זון און צו די לבנה און שטערן ווערט זייער ליכטיגקייט אָפּגעשוואַכט. אויך צו די מלאכים אין די הימלען וואָס זענען ממונה אָנצונעמען די תפילות, און האָבן נישט קיין אַנדערע אַרבעט, און אַז דער מענטש זינדיגט זענען זיי בטל פון זייער אַרבעט וואָס זיי האָבן צו טוהן. נו, איז דען דאָ אַ גרעסערע בושה דערפון.

**ה. וכן,** און אויך אַז די מלאכים אַנטפלעקן דעם מענטש וואָס רעדט ניבול פה, און זיי רופן אויס, דער דאָזיגער מענטש זאָל זיין אין נידוי. איז דען דאָס נישט קיין בושה פאַר זיי, ווייל מיר זאָגן דאָך אין דער גמרא, רבי יהושע בן לוי האָט געזאָגט, קיינמאָל בין איך נישט געציילט געוואָרן צווישן די מענטשן וואָס האָבן מנדה געווען אַ מענטש, און איין תנא פלעגט זיך אַליין פריער מנדה זיין, און ערשט דערנאָך האָט ער מנדה געווען דעם מענטש וואָס איז חייב נידוי.

**ו. ולא עוד,** נאָך מער איז ער גורם אַ פאַרשעמונג צו די הייליגע כתות וואָס ווערן אָנגערופן "רצים", וואָס זיי זענען אויף אַן אָרט וואָס ווערט גערופן "תא הרצים". זייער אַרבעט איז צו באַשיצן אויף די אידן, און דער כח פון די הייליגע "רצים" איז פון דער תורה

וואָס די מענטשן לערנען און זיינען מקיים מצוות, אָבער אַז דער מענטש לויפט צו אַן עבירה מאַכט ער שוואַך דעם כח פון די הייליגע "רצים".

**ז. גם,** אויך צו די מלאכים וואָס באַגלייטן דעם מענטש דערגרייכט אַ שאַנד, ווייל אַז ער זינדיגט קלאָגן זיי אויף דעם. דער כלל איז, דער זינדיגער מענטש מאַכט אַ פגם און איז גורם אַ שאַנד אין אַלע אויבערשטע וועלטן, און צו אַלע מלאכים, שרפים און אופנים און הייליגע חיות.

**ח. גם,** אָבער וויפיל שמחה און געזאַנג דערגרייכט צו אַלע אויבערשטע און אונטערשטע באַשעפענישן, אויב דו לערנסט תורה, ווייל אַלע זענען צו דיר אַן אָנברייטונג אַז דו זאָלסט קענען עוסק זיין אין תורה, און אויך אַז דו לערנט תורה האָבן זיי אַ קיום. אין דיין זכות האָט דער אויבערשטער ברוך הוא באַשאַפן די הימל און ערד, און צוליב דעם וואָס מען היט די תורה האָט די וועלט אַ קיום.

**ט. ואתה,** דו, מענטש, פאַר דיר זענען דאָ צוויי וועגן, דער וועג פון לעבן און דער וועג פון טויט. אויב דו וועסט זיך צוהערן צום קול פון דיין גאָט, צו גיין אין זיינע וועגן, וועסטו זיין געבענטשט פון זיין מויל, און פון דעם מויל פון אַלע באַשעפענישן, און אויב נישט, וועט חס ושלום זיין פאַרקערט. און פאַרוואָס זאָלסטו נישט דערקענען דיין מעלה און דיין שפלות.

**י. ערך,** דיין מעלה איז, דער אויבערשטער האָט דיך נישט געמאַכט געצוואונגען מיט דיינע מעשים, צו טוהן אַזוי און אַזוי, נאָר ער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ בעל בחירה, כדי דו זאָלסט באַקומען מער מעלה פון די מלאכים, און באַקומען שכר אויף דיינע מעשים.

**יא. ותכלית,** דיין שפלות איז, אַז די נייגסט אַוועק פון דעם גוטן וועג, ביסטו גערעכנט ווי אַ בהמה, ווייל דער מענטש איז מער פון דער בהמה נאָר דורך דעם וואָס ער האָט אַ ריינע נשמה,

אָבער אָן דער נשמה איז ער דאָך אַ שטיק ערד, און פאַרוואָס זאָלסטו נישט טראַכטן אַז אַזאַ קליינע זאַך ווי דו ביסט, זאָלסטו גורם זיין מיט דיינע מעשים שלעכטס צו אַלע באַשעפענישן, איז דען פאַראַן אַזאַ שטראָף וואָס זאָל גענוג זיין דיך צו שטראָפן.

**שטעל פאַר דיינע אויגן די ליבשאַפט פון דעם אויבערשטן צו די אידן, און דעם ענין פון די דגלים וואָס די שבטים האָבן געהאַט אין מדבר.**

**יב. הבט,** זע די ליבשאַפט וואָס דער אויבערשטער האָט אַרויסגעוויזן צו די אידן מער ווי צו אַלע פעלקער. ער האָט זיי געפירט אין מדבר, און דאָרט האָט ער אָנגעגרייט זייער פרנסה מיט זיסע שפייז, און ער האָט זיי אָנגעצייכנט מיט פענער, אַז זיי זאָלן דערקענט ווערן אַלס זיין פאָלק און אַלס זיינע געליבטע, און די פענער וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט זיי געמאַכט, איז געווען אַזאַ זאַך וואָס די מלאכים האָבן זיך דערמיט באַנוצט, און דאָס האָט קיינער נישט געקענט מאַכן. געלויבט איז דער אויבערשטער ברוך הוא אויף אייביג, שלום על ישראל. אמן ואמן.